פרייז 25 גראשען פינפטער יאהרגאנג „...ctową uiszczono ryczałtem" „א...

# ראדאמער-קעלצער לעבען

...לצער לעבען"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אנאנסען פרייזן:
איין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאכ'ן " 18 "
די ערדיגט און לעצטע זייט ענטהאלטן 8 שפאלטן
אין טעקסט 4 "

ראדאם פרייטאג ... אדר תרפ"ח. פארן אינהאלט פון טעקסט אין די אנאנסען און די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך 2 go marca 1928 r.

צו דער פעראלאבונג פון אונזער ליבען ברודער, שוואגער און פעטער
אביש גאלדרינג לובלין
מיט פ"ל רעגינא קארמאן ראדאם
וואונשן מיר אייביגעס גליק
און צופרידענהייט.
הירש לייב הימעלפארב,
פרוי און קינדער.

צו דער פערלאבונג פון פרל.
רעגינא קארמאן ראדאם
מיט ה' אביש גאלדרינג לובלין
וואונשען מיר א הארציגען מז"ט
און א גליקליכע צוקונפט.
מאטיל זעלצער
פרוי און קינדער.

א הארציגען מז"ט
דער פאמיליע באנקער
צו דער חתונה פון זייער טאכטער
רעגינא
מיט ה' אלכסנדר ליכטענשטיין
ווינשט אהרן יוסף הייסבארד
מיט פאמיליע.

צו דער חתונה פון פרל.
רעגינא באנקער
מיט ה' אלכסנדר ליכטענשטיין
וואונש איך דעם יונגען פארל
א גליקליך צוזאמענלעבען און די
עלטערן פיעל נחת פון זיי.
גארטליער.

Nowożeńcom
Feli Ajchenbaumówne
i p. Benowi Kercowi
wiele szczęścia życzą:
Dora Rozenberżonka.
Dora Werthejmówna
i Szymon Werthejm.

Z intencji zaślubin panny
S. F. Kaufmanówny
z p. Izakiem Rychtmanem
życzę jej bezmiaru szczęścia
i wiecznego zadowolenia.
Sala Szajnówna.

## צום ג. פובליקום

כ'מאך בעקאנט, אז אין מיין שניידער-ווארשטאט וואו 5 ווערט אויסגעארבייט און ס'געפינט זיך גרייט א גרויסער אויסוואהל סחורה, קינדערישע מאסן פון פערשידענע אנצוגליך, סאקאלעך, פאלטענדלעך א. אז. וו. אלעס אויף קאנקורענץ-פרייזען ביי די בעסטע בעדינגונגען
קומט איבער... צייגט אייך
אברהם ... ... ענבורים
וואלע 5
אויפ'ן הויף ערשטער שטאק

## פאר דער עפנטליכקייט.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער גאנצער יודישער עפנטליכקייט אין ראדאם און אומגעגענד אויף א אומדערווארטעטן פאל פון נישט דערלאזבארער קאנקורענץ און הסגת גבול, וואס א ראדאמער יודישער בעל הבית פון עלטערן דור קען זיך ערלויבען געגען זיין אייגענעם לאקאטאר, אונטערברעכענדיג דערמיט דעם לעבענס-עגזיסטענץ פון א צווייטען יוד מיט זיין גאנצע פאמיליע.

איך וואוין שוין בערך 13 יאהר אין הויז לובלינער 14, וואס געהערט צו די ה"ה בעלי בתים מזית קאפער און יוסף מאיר ווערבער. דורך מיין לאנגיעהריגער ארבייט אין מיין פאך האב איך ווערן פיעל מיה און מאטעריעל קיין בעדויערן צו רעקלאמירען און בעוויסט צו מאכען די ברייטע קויפמאנשאפט וועגען די אויסארבייטונג פון מיין פירמע. פערשטעהט זיך, אז נישט האבענדיג די מעגליכקייט זיך איינצוארדנען אין א פראנטאווע לאקאל נאר אין הויף — האט מיך דאס געקאסט געוויסע אנשטרענגונגען ביז כ'האב איינגעזאמעלט צו מיר א קליענטעלע פון יודישע און קריסטליכע פון ראדאם און אומגעגענד. דורך דער גאנצער צייט האב איך מיט קיינעם נישט געפיהרט קיין קאנקורענץ, נאך מעהר: איידער דער ה' ווערבער האט זיך געעפענט אויפ'ן פראנט דאס געוועלב האב איך, איינזעהענדיג ווי מיין פאך ווערט שוואך, אנגעהויבען האנדלען מיט פוטער-וואדע, אבער נאכדעם ווי דער ה' ווערבער האט זיך געעפענט דאס געוועלב אין זעלבען הויז אויפ'ן פראנט, האב איך נישט וועלענדיג אויפרייצען דעם ה' ווערבער רעזיגנירט פון דאזיגען האנדעל כדי אויסצומיידען פערשידענע פרעטענזיעס. פאר מיין ראזיגער ציפיעל עטישע האנדלונג דאנקט ער מיר אבער אז מיט וועלען מיר פשוט צונעמען דאס ברויט.

דעם 16-טען לוטי ה. י. האט מען מיך מיטגעטיילט, אז דער ה' ווערבער וועט ארייננעמען אין זיין געשעפט קאפעלושען מיט היטלען. אלס זיין לאקאטאר, ווייסענדיג, אז צווישען אונז קומען נישט פאר קיין שום שייכות און מיר זענען אין די בעסטע בעציהונגען — האב איך דאס נישט געגלויבט. ווייסענדיג אבער פארט פעסטשטעלען, צי די קלאנגען זענען ריכטיג ... איך זיין מיין פרוי ארייננעגאנגען צום ה' ווערבער דעם זעלבען טאג און, ער האט אונז ערקלערט, אז ער האט א גרויס און ברייט געשעפט מוז ער אויך האלטען היטלען מיט קאפעלושען. נאך אזא ענטפער האב איך מיך גלייך געווענדעט צום סוחרים-פעראיין, וועלכער האט בעשטימט א עהרען-געריכט, אויף זונטאג דעם 19 לוטי, אזוי ווי דער ה' ווערבער איז דעמאלט געוועזען פערריייזט, האט דער סוחרים פעראיין איהם גערופען צום עהרען-געריכט דינסטאג דעם 21-טען לוטי. ה' ווערבער האט די איינלאדונג צום עהרען-געריכט נישט געוואלט אננעמען. אפילו זיין שוואגער ה' זיסעל גראסמאן פון זוואלין האט נעגען דעם פראטעסטירט און איהם געמוסר'ט אז דאס איז אויפ'ן העכסטען אופן נישט מענשליך און נישט יודישליך. אבער ער האט זיך מיט דעם אלעם נישט גערעכענט און זיך קאטעגאריש אבגעזאגט צו געהן צום עהרען-געריכט. איך האב זיך דאן געווענדעט צום רב וועלכער האט געשיקט נאך איהם צו קומען האלטען א דין תורה אבער ה' ווערבער האט זיך אויך דערפון אבגעזאגט. דאן האבען ביים ה' ווערבער אינטערווענירט די האנדווערקער-טהוער די ה"ה משה רובינשטיין און צמח בוימאן, וועלכע האבען צו איהם אפעלירט און פשוט געבעטען ער זאל געה, צום עהרען-געריכט, אויך דאס האט נישט געהאלפען.

דעם פאריגען מיטוואך האט דער סוחרים פעראיין צום צווייטען מאהל געשיקט ער זאל קומען צום עהרען-געריכט, אבער ה' ווערבער האלט זיך פעסט ביי זיין בעשלוס צו קאנקורירען מיט זיין אייגענעם לאקאטאר אויף א נישט דערהערטען אופן, ארויסרייסענדיג ביי איהם דאס ביסעל ברויט פון מויל.

אט דאס טהוט א יוד, א בעל הבית, וואס קאן נאך אויסקומען ברווח אהן דעם האנדעל מיט היטלען און קאפעליושען און געהט אויפ'ן לעבען פון א יודישען האנדווערקער, וואס ערנעהרט זיך מיגיעי כפיו און מיט גרויסע מיה פון זיין איינציגען פאך, וואס ארבייט אויס בלויז היטלען און קאפעליושען.

איך פאדער אויף דעם ה' ווערבער פאר די אויגען פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג, ער זאל אונטערדינגט מיט מיר געהן אין משך פון דריי טעג האלטען א דין-תורה, וואו ער וויל נאר זאלין.

מיט אכטונג יעקב קינצלער
ראדאם, לובעלסקא 14.

1

# 1 ראדאמער יודען שטימען פאר די אונ-פארטייאישע ליסטע פון די רעגירונג פון מארשאלעק יוזעף פילסודסקי

## זאל יעדער יודישער וועהלער וויסען!

די מיינונג פון די רבנים און גדולי ישראל וועגען די קומענדע וואהלען צום סיים און סענאט

## אויפרוף פון אסטראווצער רבי'ן שליט"א

# קול קורא!

אין צוזאמענהאנג מיט די פארשטעהענדע סיים-וואהלען, וואס קומען פאר דעם 4-טען מערץ 1928 ווענד איך מיך צו די יודישע וועהלער אין היגען וואהל-קרייז מיט פאלגענדען אפעל:

אזוי ווי עס איז בעוואוסט פון די שוין פארגעקומענע סיים-וואהלען אין יאהר 1922, איז אין היגען וואהל-קרייז (אפט, דרילטש און קאזעניץ) נישט דורכגעגאנגען קיין איין יודישער קאנדידאט. נישט קוקענדיג וואס דענסטמאהל זענען די יודישע וועהלער געגאנגען פעראייניגט אונטער א פעראייניגטע יודישע ליסטע № 16, איבערהויפט אצינד ווען עס עגזיסטירט אין היגען וואהל-קרייז דריי יודישע ליסטעס איז נישטא קיין שאנסען דורכצופיהרען א יודישען דעפוטאט.

צוליב דעם אפעליר איך צו אייך יודישע וועהלער פון היגען וואהל-קרייז, אז יעדער פון אייך זאל שטימען אויף די ליסטע פון די רעגירונג פון מארשאלעק פילסודסקי, וועלכער איז פריינדליך געשטימט צו די יודישע בעפעלקערונג און מיט דעם זעט איהר מקיים זיין דעם מאמר פון נביא ירמיה: ודרשו את שלום העיר וכו' כי בשלומה יהי' לכם שלום. ובזכות זה תזכו לישועה וברכה.

הק' מאיר יחיאל הלוי האלשטאק.

אסטראווצע, חדש שבט תרפ"ח.

## קול קורא פון די רבנים פון ראדאמער און קעלצער וואהל-ראיאנען.

## א ו י פ ר ו ף.

דער רבנים צוזאמענפאהר פון ראדאמער, קינסקער, קאזעניצער, דרילטשער און צוויזמירער קרייזען, וועלכע איז פארגעקומען אין ראדאם ג' תרומה ר"ח אדר תרפ"ח. ווענדעט זיך צו דער יודישער בעפעלקערונג פון די אויבענדערמאנטע קרייזען מיט דעם פאלגענדען אויפרוף:

צוליב דעם פירוד און פארטיי-קאמפף אין דער יודישער גאס איז אויסגעשלאסען, אז די יודישע שטימען זאלען אדורכפיהרען א יודישען מאנדאט אין די אויבענדערמאנטע קרייזען. געפינען מיר פאר ריכטיג, דאס די יודישע שטימען דארפען ווערען אבגעגעבען נור אויף די אונ-פארטייאישע ליסטע וואס מיטארבייט מיט דער יעצטיגער רעגירונג פון ערשטען פוילישען מארשאלעק יוזעף פילסודסקי, וועלכער שטרעבט איינצוארדנען דאס מלוכה-לעבען אויף גלייכבערעכטיגונג פאר אלע בירגער אהן אונטערשיעד פון גלויבען און נאציאן און צו בעפרידיגען אלע רעליגיעזע, קולטורעלע אוןווירטשאפטליכע פאסטולאטען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דער פוילישער רעפובליק!

יום ג' תרומה ר"ח אדר תרפ"ח.

יחיאל הלוי קעסטענבערג אבד"ק ראדום
חיים ישראל שלו' יקותיאל ראבינאוויץ אבד"ק שידלאווצי
מאיר וויינגארטען, אבד"ק קונצק
חיים מנחם מענדל הלוי קעסטענבערג, ראבד"ק ראדום
משה הורוויץ, אבד"ק פלאנטש
אליעזר יצחק כהנא שפירא, אבד"ק אפאטשנא
חיים מאיר יחיאל אונגער, אבד"ק דרילטש
אברהם דוד ראטפעלד, אבד"ק ליפסק
חיים יהודא רייטער אבד"ק גניעזאשוב
בנציון פרייליך, חוב"ק קאזניץ

יוסף יודא ליב מינצבערג חוב"ק קאזניץ
מרדכי מארגענשטערן אבד"ק סקארזיסק-קאמ.
ישראל שפירא, אבד"ק פשיטיק
נתן דוד גרינבוים אבד"ק פרשעדבארז
ישעי' אלימלך רייעווסקי, אבד"ק ביאלאברזיג
יחיאל מיכל ראטפעלד, אבד"ק קאזנוב
יעקב יצחק הכהן קליגסבערג אבד"ק גרעניץ
שמיאל משה הלוי ראזאני אבד"ק שעננא
יהודא הלוי שילעוויץ, אבד"ק גאווארטשוב
יחזקאל גאטשאל, אבד"ק זארנוב און אנדערע.

## אויך די רביים שליט"א פון בעלז, אלכסנדר באבוב, צאנז, ראדאמסק און אנדערע פאדערען אויף אלע יודען צו שטימען אויף דער ליסטע № 1.

## יוד וועהלער!

1) ווילסט לעבען פריי, רוהיג און גליקליך?
2) ווילסט האבען א פערזענליכע לייכטע פרנסה פאר דיר און דיין פאמיליע?
3) ווילסט האבען א ביליגע דירה און א דאך איבער'ן קאפ?
4) ווילסט געניסען פון אלע אוצרות פון דער פוילישער רעפובליק?
5) ווילסט זיין א שטארקער בירגער און זאלסט קענען דיינע אינטערעסען זעלבסט פערטיידיגען?
6) ווילסט דיך נישט בייגען מעהר צו אונבארופענע אפיטרופסים וואס זארגען נאר פאר זיך?
7) ווילסט אז דער האנדעל, מלאכה און אינדוסטריע זאל נישט ווערען אויסגעניצט פון די יודישע הינדד?
8) ווילסט אז לעבענס-מיטעל פון ערשטען געברויך זאל זיין ביליג, און דייני פרוי און קינדער זאלען נישט הונגערען?
9) ווילסט אז די רעגירונג אין פוילען זאל זיין א אונפארטייאישע, א פעסטע און שטארקע, און זאל טראקטירען אלע בירגער גלייך?
10) ווילסט אז די שווער-לאסטען זאלען פערקלענערט ווערען און די ווירטשאפטליכע ארדנונג זאל זיך אין פוילען סטאביליזירען?

## זאלסטו אבגעבען דיין שטים-צעטעל אויף ליסטע נומער איינס

## № 1

269.

1

**Zgubiono** Weksel pł. 15 Marca 1928 r. wystawione przez M. Strausmana na 30 zł. płatny w Radomiu i Weksel pł. 25 Marca b. r. L. Kirszenbauma również płatny w Radomiu na 50 zł. żyrowane przez Ch. Ajzenberga.

Ostrzegam nabywców Weksle są unieważnione.

**Ch. Ajzenberg.**

אנאנסען
אין „ראדאמער-קעלצער לעבען"
צום אנקומענדען יום טוב
האבן דעם גרעסטען ערפאלג.




*Tak pięknie wygląda*

די וועש, געוואשען מיט'ן זייף JELEŃ-SCHICHT אויסגעארבייט פון די בעסטע רויה-שטאפען איז JELEŃ-SCHICHT אנגענעם און פראדוקטיוו. זי פיהרט נישט איבער די וועש, ווי עס טרעפט אפט ביים בענוצען מינדערווערטיגע סארטען. ס'איז א פאקט, אז די זייף JELEŃ-SCHICHT ווערט בענוצט שוין צוועלפציגער יאהרען דורך מיליאנען ערפאהרענע בעלי-הבית'טעס און דאס איז די בעסטע גאראנטיע פאר זיין קוואליטעט. קויפט אלזא חשוב'ע בעלי-הבית'טעס אין אייערע אייגענע אינטערעסען נאר

**Mydło Jeleń Schicht**

Przedstawiciel F. GOLDFARB, Radom ul. Piłsudskiego 10, tel. 468.

## ראדאמער כראניק.

### פון דער וואהל-קרייז קאמיסיע נומער 19

בעט מען אונז צו מעלדען, אז דער וואהל-אפאראט פון נומ. 19 איז איבער-געטראגען געווארען אין לאקאל פון „פשיאטשול-ווידוני" מאריאצקא 4 און דער וואהל-אפאראט פון נומ. 24 — אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי". צוליב דער לאקאלער ענדערונג וועלען די וואהלען צום סיים און סענאט פון די אויבענ-דערמאנטע וואהל-אפוואודען פארקומען אין די אויבענגענאנטע ערטער, נעמ-ליך: נומ. 24 אין טעאטער „ראזמאי-טאשטשי" און נומ. 19 אין „פשיאט-שול ווידוני"

### די געמיינדע אונטער דער השגחה פון איפאזיציע'ס-מאכט.

ווי מיר הערען, האט דער ה' סטא-ראסטא ערהאלטען א רעסקריפט פון קעלצער ראיעזדא, אז אלע געלדער וואס פון דער עופות-שחיטה און אנד. וואס פליסען אין דער געמיינדע זא-לען אריינגעטראגען ווערען אין דער סטאראסטווע צו א ספעציעלען בעאמ-טען, וואס זעגט דעלעגירט צו דעם ציוועק. אין דער נייער מיטטיילונג ווערט אויך געזאגט אז די געמיינדע האט נאר די רעכט צו בעשטעטיגען ... מיט דער בודזשעט און חשבונות דורך דעם בוכהאלטער מעלכיאר, וועלכער ... אין אז די געמיינדע האט נישט די רעכט צו מאכען ... אהן א פריהערדיגער מעלדונג אין דער סטאראס-טיא, וועלכע דארף אויסשרייבען א ספעציעלע אסיגנאציע. גלייכצייטיג ווערט איינגעפיהרט אויסצו... דעם רב קאסטעלנבערג און זיין פאטער מ"ה מענדל קאסטעלנבערג בין דעם 1-טען מרץ פאר דער גאנצער צייט פענסיע. ... דעם דאזיגען רעסקריפט זאל די געמיינדע האבען בעקומען מיטגעטיילט נעכטען, דאנערשטאג, פון דעם סטא-ראסטא.

### גרויסע גניבה אין דער פאסט

איין דער נאכט פון דינסטאג אויף מיטוואך האבען זיך גנבים איינגעבראכען אין דער פאסט, וואו זיי האבען פון דער קאסע ארויסגעגנב'עט א סומע פון 112 טויזענד זלאטעס. עס ווערט געפיהרט א ענערגישע אויספארשונג.

ריקשטיין

סאלידע אויספיהרונג לויט די נייעסטע מוס-טערן: גלייכע, קיילעכיגע, אוואלע פון 135 גילדען אן.

בעקוועמליכע בעדינגונגען, לאנגיאהריגע גאראנטיע.

פאר ציגערייזע ש. עלע אויספיהרונג.

סטאליאר-ווארשטאט

**מ. וואריטא, ראדאם**

פילסודסקי גאס נומער 12.

## OGŁOSZENIE.

Magistrat m. Radomia, Wydział Skarbowy, podaje do wiadomości, że w dniach od 1 do 8 marca 1928 r. między godziną 9 rano a 4 po południu odbędą się przymusowe licytacje ruchomości u niżej wymienionych osób za niewpłacone podatki i inne należności:

**7 marca 1928 r.**

1) Wajntraub Dawid, ul. Łaźniczna 21: tremo, kredens, szafa na ubranie, zegar stojący, stół i 6 krzeseł,

2) Zylberman Blima, ul. Wałowa 29: szafa na ubranie, towary łokciowe.

3) Chwat Izrael, ul. Wałowa 59: tremo, kredens, kanapa, lichtarz posrebrzany 9-cio ramienny, lustro wiszące, 3 stoły i 6 krzeseł, 3 lichtarze posrebrzane i inne rzeczy.

4) Baumgarten Szmul, Wałowa 3: trzy szafy na ubranie, bieliźniarka, 2 kredensy, zegar, lustro wiszące, stół i 6 krzeseł i inn.

**6 marca 1928 r.**

5) Jabłonka, Nowy-Świat 22: kredens, lustro, (tremo), zegar ścienny, stół i 4 krzesła, kanapa, maszyna do szycia.

**8 marca 1928 r.**

6) Biuro Techn.-Handl. L. Włoczkowski, Szczepański i Chwaliński, Żeromskiego 41: kasa ogniotrwała, trzy biurka, 3 stoliki, szafa za szkłem, 7 krzeseł, 3 pulki.

7) Rottenberg Jankiel Mleczna 5: 4 kołdry: 1 atlasowa, 1 pluszowa, i 2 bajowe, 3 kapy: dwie pluszowe, 1 koronkowa, 5 firanek i inne przedmioty.

**Magistrat m. Radomia**
**Wydział Skarbowy.**

**Kino „ODEON" w Radomiu**

Od dnia 5 Marca 1928 roku

1 Z PIERWSZORZĘDNYCH OBRAZÓW SEZONU

POD TYTUŁEM

# PIOTR WIELKI

film stworzony z niebywałym rozmachem przez słynnego reżysera

DYMITRA BUCHOWIECKIEGO

FILM który pochłonął setki tysięcy dolarów.

FILM który olśniewa bogactwem dekoracji wnętrz.

FILM który przykuwa uwagę widza niezwykłą i nieprzeciętną treścią.

FILM o którym się mówi, iż tylko Ameryka może się zdobyć na podobne arcydzieło.

FILM w którym grają trzy największe asy ekranów:

*Emil JANINGS, Bernard GOETZKE*
*Walter JANTSEN*

FILM słusznie zaliczony do największych arcydzieł sezonu i ekranu.

FILM o którym długo jeszcze potem widz będzie wspominał, jako o jednym więcej szlagerze sezonu, demonstrowanym w ODEONIE.

## קאמוניקאט פון יודישען פעראייניגטען וואהל - קאמיטעט.

פאריגע וואך איז אין לאקאל פון יודישען פעראייניגטען וואהל־קאמיטעט אין ראדאם פארגעקומען א רבנים־צוזאמענפאהר פון דער קעלצער וואיעוואדסטווא. די איינלייטונג'ס־רעדע האט געהאלטען הרב קעסטענבערג, וועלכער רעדט וועגען רבנים בכלל און וועגען זייער שטעלונג צו די סיים־וואהלען בפרט. ער ווייזט אהן פערנאמעלסטע מיטצוארבייטען פאר דער ליסטע, וואס איז צוזאמען מיט דער רעגירונג. אין דעם זין זאגען זיך אויך אויס הרב הייגנארטען פון קאנסק און הרב הארא־ויטש פון פלאנטש. ס'ווערט אנגענומען איינשטימיג פאלגענדע רעזא־ליציע: אויסצודריקען אנערקענונג די יעצטיגע רעגירונג, וועלכע שטרעבט געזונד צומאכען די פאליטישע, עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע פערהעלטנישען אין לאנד און צו שטיצען די אונפארטייאישע ליסטע, וואס ארבייט מיט מיט דער רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי.

דער רבנים־צוזאמענפאהר האט גלייכצייטיג געשיקט בעגריסונגס טעלעגראמעס צום פרעזידענט, מארשאל פילסודסקי, מיניסטער דאברוצקי און קעלצער וואיעוואדא. און אויך בע־שלאסען א־ויסצ־לאזען א אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקע־רונג צו שטיצען די אונפארטייאישע ליסטע, וואס ארבייט מיט מיט דער רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי.

היינטיגע וואך האט הרב קעסטענבערג ערהאלטען א דאנק בריף פון ה' פרעזידענט פון דער רעפובליק מאסטשיצקי פאר די געשיקטע דעפעשע פון רבנים־צוזאמענפאהר פון פאריגע וואך. 8—9


Firma A. GOLDBERG

Fabryka Obuwia w Radomiu, Wojewód. Kieleckie, podaje do wiadomości publicznej, że na mocy postanowienia Urzędu Patentowego Rzeczypos. Polskiej z dn. 5 sierpnia 1927 r. otrzymała świadectwo ochronne Nr. 15272 na zarejestrowany znak towarowy poniżej umieszczony,

A.G.
MAR. FABR.

a na mocy postanowienia Urzędu Patentowego Rzeczypospolitej Polskiej z dn. 31 października 1927 r. otrzymała świadectwo ochronne Nr. 15613 na znak towarowy poniżej umieszczony.




Wobec tego firma A. GOLDBERG, Fabryka Obuwia w Radomiu, zabrania naśladownictwa powyższych znaków towarowych w jakiejkolwiek formie i oświadcza, że będzie na drodze sądowej ścigała wszystkie osoby, posługujące się powyższemi znakami towarowemi lub naśludujące takowe.

*Kino CORSO w Radomiu.*

Od czwartku dn. 1 do niedzieli 4 marca b. r.

**Najgroźniejszy szpieg z czasów wojny światowej**

CZERWONA TANCERKA

**(MATAHARY)**

Dramat miłości i zdrady w 10 aktach.
Niezrównane kreacje żywiołowej
**Magdy Soni i F. Koertnera.**

# מודעה מאגודת השובים בראדום

אזוי ווי דער ווארשאווער ראבינאט האט מזמין געווען די היגע דאזארעס זיי זאלען שטעהן מיט אונז לד"ת. פארין ווארשאווער ראבינאט, אדער צו האבען א ד"ת בזה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד אין ראדום און מיר האבען אויף דעם מסכים געווען, זיינען מיר מודיע פאר די עפענטליכקייט אונזער גערעכטיגקייט און, אז די דאזארעס האבען ביידע זאכען אבגעווארפען.

אגודת השובים בראדום.

# בעקאנטמאכונג.

מיר האבען דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דאס אונזער פוסטער־געשעפט

## י. מ. ווערבער טט זעהנט

ראדאם, לובלינער 14 (פראנט)

בעזיצט צום זומער־סעזאהן א גרויסע אויסוואהל פון פערשידענע

## מענער אין קינדער־היטען און היטלען,

ווי אויך פערשידענע **גומי־מאנטלען,** איינלענדישע אין אייכלענדישע

צו מעסיגע פרייזען.

# 33 ברודער יודען 33

זונטאג דעם 4 מערץ וועט איהר ענטשיידען, צו ס'זאל ביי אונז יודען ווייטער דערהאלטען ווערען די טויזענד יעהריגע טראדיציע פון יודישען אחדות אין סאלידאריטעט, אדער, איהר זאלט מיט אייערע שטימען איבערגעבען די ממשלה דיקטאטארען, וועלכע ווילען מיט דער הילף פון אוק־אינישע הייזאמאקעס צוברעכען דעם יודישען כלל.

מיר האפען, אז קיין יוד וועט זיין האנד נישט צולעגען צו דער פער־ברעכערישער ארבייט. און אלע ווי איינער אגיטירען און שטימען פאר

דער איינציגער ריין יודישער ליסטע 33.

ווענדעט זיך אין טאג פון די וואהלען, וועגען אלע וואהל ענינים און נאך וואהל מאטעריאל אין פאלגענדע ביוראס:

1) הויפט־ביורא רינעק 7
2) „פועלי אגודת ישראל" וויטאלדא 8
3) פירמא נאטליעב וואהל 1 טעלעפ. 138
4) נחמי' מילשטיין וואהל 21 טעל. 234
5) משה יאנאווסקי קאזעניצער 2
6) קאזלאווסקי לובלינער 88
7) פרידמא פילסודסקי 7
8) פאבריק לעסלוי דאלנא 5
9) ווערדיגער מלעטשנא 5

דער אלג. נאציאנאלער וואהל־בלאק.

שטימט אלע ווי איינער

33 מענער און פרויען יונג און אלט פאר 33 33

# ערקלערונג.

אין „ראד.־קעלצער לעבען" נומער (197) 7 איז אפגעדרוקט א אויפרוף, וועלכער איז גלייכצייטיג פערעפענטליכט געווארען אין דער גאס, וואו עס פיגורירט מיין נאמען. איך ערקלער, אז אונאבהענגיג פון מיין פערזענליכער שטעלונג צו די וואהלען, האב איך נישט געגעבען מיין הסכמה מיך אויף דעם אויפרוף צו אונטערשרייבען, די אונטערשריפט מיינע פיגורירט אהן מיין ידיעה.

מיט כביד אהרן מערין.

# הזמנה לד"ת

אזוי ווי איך האב אויפגעפאדערט שרה ביילה ראטענבערג פון ראדום לד"ת צו די געעהרטע רבנים הרב מיכעלזאהן פון ווארשא און הרב קעסטענבערג פון ראדום צו בעצאהלען שדכנות־געלד פון דעם שידוך מיט ה' מייזלערין, און די פרוי ראטענבערג האט זיך אבגעזאגט צו שטעלען זיך מיט מיר לד"ת. אלוא בעט איך, אז עס זאל קיינער נישט אונטערנעמען זיך אדורכצופיהרען די חופה־וקדושין פיהרער, ידידע, די פרוי ראטענבערג וועט גיהן מיט מיר לד"ת. און וועלכער רב, וואס וועט מיין ביטע אבזאגען און וועט זיך ערלייבען אדורכצופיהרען די חופה־וקדושין אהן מיין ד"ת, אזוי בין איהם מודיע, אז ער נעמט אויף זיך דאס פעראנטווארטליכקייט פון מיין תביעה און וועט ריכטיג ווערען מיט מיר צוגעצויגען לד"ת צו דעם ווא־שאווער ראבינאט.

וו. קאזאקאטער ווארשא, טווארדא 10.

**Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303.**



Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Sz...